# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:03
מוצאי שב"ק......................9:33

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................מלכים-א' ג'-ד'
בבלי..........................גיטין ס"ז
ירושלמי..............תרומות ל"ז
תוספתא.................אהלות י"א
רמב"ם.......................ברכות א'


פרשת דברים, שבת חזון, ד' אב, אבות פרק ב', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 43 (613)


# א וואָרט אויף די פּרשה

וְהָעִיר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וְעַד הַגִּלְעָד, לֹא הָיְתָה קִרְיָה אֲשֶׁר שָׂגְבָה מִמֶּנּוּ. די ווערטער "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", האבן אויף זיך די טראפּן 'מַהְפַּךְ פַּשְׁטָא', וואס קומט דאס מרמז זיין?

דער הייליגער רבי נתן ברענגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן קד) אז דער הייליגער רבי האט זייער ליב געהאט די פּשוט'ע עבודות פון פּשוט'ע ערליכע אידן, דער רבי האט זייער ליב געהאט די וואס זאגן אסאך תחנות און בקשות וואס זענען געדרוקט אין די גרויסע סדורים, אזוי ווי די פּשוט'ע מענטשן פירן זיך. דאס איז די גאנצע לימוד פון רבי'ן; דער רבי האט זייער ליב געהאט 'פּשטות'; רעדן צום אייבערשטן, זאגן 'לשם יחוד'ס און 'יהי רצון'ס'.

צום ביישפּיל פלעגט דער רבי זיין זייער ברוגז אויף די מענטשן וואס זינגען נישט קיין זמירות שבת ביי די סעודות שבת און מוצאי שבת ביי מלוה מלכה, און טוען נישט אנדערע פּשוט'ע עבודות, זיי האלטן זיך קלוגער פון דעם. א מענטש מיינט: 'עס איז א שאד צו זינגען זמירות, איך קען דאך אין די צייט ענדיגן מיינע שיעורים, חומש און משניות', אבער דער רבי פלעגט פאַרהאלטן "פאַרוואס זינגסטו נישט קיין זמירות?"

אסאך מאל ווערט א מענטש א 'בייזער למדן', זיין לערנען ווערט א נערוון זאך, ער כאפּט אריין יעדע מינוט אינמיטן דאווענען, אינמיטן קריאת התורה און אינמיטן זינגען זמירות... אבער עס איז נישט ריכטיג, לערנען משניות איז טאקע א געוואלדיגע זאך, אבער זינגען זמירות איז מער פון ענדיגן משניות! ווען מען ענדיגט זינגען זמירות, קענסטו גיין אין א זייט לערנען משניות.

דער עיקר אידישקייט איז זיך פירן פּשוט אן קיין חכמות, מיט תמימות און פּשיטות - ווי א פּשוט'ער איד. דער רבי אליין פלעגט זינגען זיין גאנץ לעבן זייער אסאך זמירות יעדן שבת און יעדן מוצאי שבת.

איך האב געהערט זייער א שיין וואָרט פון א בחור, דעריבער זענען די טראפּן 'מַהְפַּךְ פַּשְׁטָא' אויף די ווערטער "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", ווייל דאס איז די גאנצע לימוד פון ספר הקדוש 'אשר בנחל': "מהפך" - ער דריידט דיך איבער, "פּשטא" - זאלסט זיך פרייען מיט פּשטות! פריי זיך מיט דיין תפילין, פריי זיך אז דו היטסט שבת, פריי זיך מיט דיין ציצית, פריי זיך מיט דיין מזוזה, פריי זיך מיט דיין אידישקייט. א מענטש מיינט ער דארף טון עפּעס שווערע עבודות זיך צו פרייען, ווען ער נעמט דעם ספר 'אשר בנחל' ווערט אים ליכטיג פאר די אויגן, עס דריידט איבער דעם מענטש ער זאל זיך אנהייבן פרייען מיט פּשטות יהדות.

ווען ער האט מיר געזאָגט דעם וואָרט האב איך זיך גלייך דערמאנט פון דעם תורה פון רבי'ן, וואס דער רבי זאגט דא: **"כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת"**, וואס איז אידישקייט? תמימות און פּשיטות!

עס זענען דא מענטשן וואס זייער נאטור איז תמימות ופשיטות, נאכדעם זענען דא מענטשן וואס זענען געבוירן געווארן מיט א דריי-קאָפּ, אבער די סארט מענטשן קענען אויך פּאלגן וואס עס שטייט דא; אין וועלטליכע זאכן וועל איך ניצן חכמות, אבער ווען עס קומט צו דינען דעם אייבערשטן, צו לייגן תפילין, צום דאווענען, צו זינגען זמירות, צו קידוש לבנה, צו זאגן א לשם יחוד, א יהי רצון, און צו זאגן איכה- וועל איך עס זאגן בתמימות ופשיטות, אן קיין חכמות.

ווי אזוי איז מען זוכה צו תמימות און פּשיטות? דורך תפלה והתבודדות, מען בעט דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם העלף מיר, איך וויל דיר דינען בתמימות ופשיטות; איך וויל זיך פרייען מיט אלע מצות וואס איך טו, מיט מיין תפילין, מיין דאווענען, מיין מזוזה, מיינע ברכות, מיין עסן כשר'ס, מיט מיין בארד, פּיאות און קאפּל".**

רבי נתן האט געזאָגט אז פון ווען ער האט געהערט פון רבי'ן דעם נייעם גילוי: **"אביסל איז אויך גוט"**, האט ער זייער מצליח געווען, פון דעמאלט האט ער אנגעפאנגען מער צו לערנען און מער צו דינען דעם אייבערשטן, ווייל א מענטש וויל מאכן 'א גאנצן טאג' התבודדות און ווען דעם רעדט ער 'גארנישט' צום אייבערשטן, דער רבי זאגט: גיי 'אביסל' ארום דיין הויז, זאג ארויס 'אפּאר ווערטער' צום אייבערשטן: **"רבונו של עולם, איך וויל זיין א איד"**, **"רבונו של עולם איך וויל זיין פרייליך"**, **"רבונו של עולם עס גייט אויף מיר אריבער דאס און דאס"**. אז מיר וועלן פאלגן דעם רבי'ן, וועלן מיר האבן א שיינע לעבן.

(אשר היה אל יואל, דברים תשפ"ב)

# מוהרא"ש דערציילט

## שבת חזון

דער שבת פאר תשעה באב ווערט אנגערופן "שבת חזון". אין ספר 'שער המלך' ווערט געברענגט אז "חזון" איז ראשי תיבות ח'צי ז'עם ו'חצי נ'חמה. דאס מיינט אז אפילו פון איין זייט איז עס טאקע א טרויעריגע צייט, מען טרויערט אויפ'ן חורבן בית המקדש, איז אבער פון די אנדערע זייט אויך דא א נחמה, א טרייסט, אז די טעג וועלן נאך ווערן איבערגעדרייט צו פרייליכע טעג. ווען משיח וועט קומען בקרוב, וועלן די טעג ווערן א יום טוב.

חז"ל דערציילן (מכות כ"ד) אז ווען די חכמים האבן געזען די שרעקליכע חורבן אויפ'ן הר הבית האבן זיי געוויינט און געקלאגט. רבי עקיבא - וואס איז אויך דארט געווען - האט אבער געלאכט. האבן אים די חכמים געפרעגט: "פאַרוואס לאכסטו?", האט רבי עקיבא געזאגט: "אזוי ווי איך זע אז די ערשטע חלק פון די נבואה איז אזוי שטארק מקוים געווארן, אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן, גלייב איך אז די צווייטע העלפט נבואה וועט אויך מקוים ווערן, אז מיר וועלן נאך אויסגעלייזט ווערן פון גלות, און די אידן וועלן נאך אויפגעבראכטן ווערן".

די צדיקים קוקן אויף די פּנימיות פון יעדע זאך, אפילו יעצט זעט אלעס אויס אזוי שווער און ביטער, וועלן די טעג אבער צום סוף איבערגעדרייט ווערן צו

<<<<<<

# א גוטווארט

דארפסט נישט טראכטן פון טון אסאך, טראכט פון אביסל; זאג איין פּרק משניות, זאג איין בלאט גמרא, איין קאפּיטל תהילים און זיי זיך מחי' מיט דאס ביסל וואס דו לערנסט. קלאפּ זיך נישט אראפּ אז דו וואלסט ווען געקענט לערנען מער; הויב זיך אויף מיט וואס דו טוסט יא, לויב זיך אויס אויף דאס ביסל וואס דו טוסט.

די וועלט זאגט: "אביסל מיט אביסל - פילט זיך אן א שיסל".

(עצתו אמונה דברים תשפ"ג)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דִי שְׁוִויגֶער מִיט דִי שְׁנִיר פַּארְטְרָאגְן זִיךְ נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַ שְׁנִיר מִיט אַ שְׁוִויגֶער פַּארְטְרָאגְן זִיךְ נִישְׁט, אַ שְׁוִויגֶער הָאט פַּיינְט אִיר שְׁנִיר. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי שְׁוִויגֶער אִיז מְקַנֵּא אִיר שְׁנִיר פוּן נַארִישֶׁע קִנְאָה, זִי טְרַאכְט 'אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אַלֶע יָארְן מִיט מַיין זוּן אוּן יֶעצְט קוּמְט דִי שְׁנִיר אוּן נֶעמְט אִים אַוֶועק', (נִישְׁט אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי, אָבֶער זֵייעֶר אַסַאךְ טְרַאכְטְן אַזוֹי).

וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן אַז אֵייעֶר שְׁוִויגֶער מַאכְט אַייךְ אַוֶועק, מִישְׁט זִיךְ אַרַיין אִין אֵייעֶר לֶעבְּן אוּן רֶעדְט צוּ אֵייעֶר זוּן קֶעגְן אַייךְ; אַ שְׁוִויגֶער הָאט פַּיינְט אַ שְׁנִיר, עַד כְּדֵי כַּךְ, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת כו.) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוִויגֶער וָואס הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק פַּיינְט גֶעהַאט אִיר שְׁנִיר, זִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אִיר שְׁנִיר: "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעקוֹיפְט אַ גוּטֶע שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים, גֵיי שְׁמִיר זִיךְ אָן מִיט דֶעם", נָאכְדֶעם וֶוען זִי הָאט גֶעצִינְדֶען דִי שַׁבָּת לִיכְט – "אִינְפַּח בָּהּ נוּרָא וְאַכַלְתָּהּ" הָאט זִי זִיךְ פַּארְבְּרֶענְט, דִי בְּשָׂמִים הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט אַ פְלַאמֶעדִיגֶע זַאךְ וָואס מַאכְט אוֹיפְפְלַאמֶען; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי וַוייט דִי פַּיינְטְשַׁאפְט גֵייט.

מִיט דֶעם אַלֶעם, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן – קֶען מֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים. אִיר זָאלְט זָאגְן אַלְץ פַאר אֵייעֶר מַאן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף זַיין מַאמֶע, אוּן אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן פַאר דִי שְׁוִויגֶער וִוי שְׁטַארְק אִיר הָאט זִי לִיבּ – וֶועט זַיין שָׁלוֹם. וַוייל שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער זֶעט מֶען זִיךְ – וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד; אַזוֹי אִיז אַ מֶענְטְשׁ צוּם חַבֵר – וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט, שְׁמֵייכְלְט יֶענֶער צוּרִיק, אוּן וֶוען מֶען אִיז שְׁלֶעכְט, אִיז יֶענֶער שְׁלֶעכְט צוּרִיק צוּ דִיר; גֶעדֶענְקְט, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי וִוי אַ 'שְׁפִּיגֶעלֶע', אוֹיבּ מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ 'שְׁפִּיגְל', זֶעט מֶען וִוי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק אוּן אוֹיבּ מֶען וַוייזְט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים צוּם 'שְׁפִּיגְל' – זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים.

אַז אִיר וֶועט נָאר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אִיר וֶועט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען – וֶועט זִי זִיךְ בֵּייגְן, זִי וֶועט טוֹישְׁן אִיר צוּגַאנְג צוּ עֶנְק.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דְבָרִים תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

יָמִים טוֹבִים, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב וַוייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פוּנְקְט פַּארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַּת אֵיכָה מִיט אַ נִיגוּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי מֶען לֵיינְט פוּרִים דִי מְגִילַּת אֶסְתֵּר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָּה הָעֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילַּת אֵיכָה אוֹיךְ בַּייטָאג. וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַּת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְן נִיגוּן מִיט אַ "שֶׁהֶחֱיָנוּ" אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַדְאַי לֵיינֶען סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג אַזוֹי וִוי דִי מְגִילַּת אֶסְתֵּר, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָּה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", אַזוֹי וִוי מֶען פִּירְט זִיךְ אַז וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אַ יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ". וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב. אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען אִיז לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

## דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן

וֶוען מֶען זָאגְט מְגִילַּת אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, תְּחִינוֹת, אָדֶער תִּיקוּן חֲצוֹת זָאל מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן אַלֶע פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים, דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וֶועגְן זֵיי אִין תְּהִלִּים, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זַיין יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַּיינְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל נָאר הַרְגֶ'ענֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען אִין תְּהִלִּים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מְגִילַּת אֵיכָה. מֶען דַארְף בְּעִיקָר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט מֶען צוּרִיק דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, יֶעדֶער אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן זַיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָּה אוּן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה.

## קִידּוּשׁ לְבָנָה

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פִּירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען אִיז מְקַדֵּשׁ דִי לְבָנָה. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחַר סוֹד כַּוָּנַת ת"ב) אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב.

דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי לְבָנָה אַז דַוְקָא וֶוען זִי וֶוערְט שׁוֹין זֵייעֶר קְלֵיין בִּיז מֶען זֶעט עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט טוּט זִי זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן צוּרִיק גְרֶעסֶער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, דַוְקָא נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר אִיז מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז פַאר מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה זָאל מֶען קוֹדֶם אוֹיסְפַּאסְטְן, עֶסְן עֶפֶּעס, אוּן אָנְטוּן צוּרִיק דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, דִי לְבָנָה וֶועט שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק א' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (קסז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַאר רֶבִּי נָתָן אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר הַנִּשְׂרָף, אוּן אִינְמִיטְן הָאט דֶער רֶבִּי אִים אִיבֶּערְגֶעהַאקְט עֶטְלִיכֶע מָאל.**

אַ צְוֵייטֶע מָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם סֵפֶר, נָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַ חַד בְּדָרָא, אוּן עֶר דַארְף אוֹיךְ זַיין אַ חָכָם וָואס אִיז בַּאקַאנְט אִין אַלֶע זִיבְּן חָכְמוֹת.

דִי דְרִיטֶע מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט, ״אֵיינֶער וָואס אִיז נָאר אַ צַדִיק וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם סֵפֶר, אוּן אֵיינֶער וָואס אִיז נָאר אַ חָכָם וֶועט אוֹיךְ גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אִין דֶעם סֵפֶר, נָאר אוֹיב וֶועט עֶר זַיין גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם, גָאר אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְשְׁטַאנְד אִין אַלֶע זִיבְּן חָכְמוֹת, נָאר אַזַא אֵיינֶער וֶועט פַארְשְׁטֵיין אִין דֶעם סֵפֶר״.

צוּם פֶערְטְן מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אִים נָאכְאַמָאל אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִינְמִיטְן שְׁרַייבְּן אוּן אִים גֶעזָאגְט, ״שְׁטֶעל דִיךְ פָאר, דָאס אִיז נָאר דֶער סֵפֶר. וָואס זָאגְסְטוּ צוּ דֶעם אַז אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר נָאךְ אַ סֵפֶר, וָואס אִין דֶעם זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גָאר טִיפֶע סוֹדוֹת, רָזֵי דְרָזִין, פִיל הֶעכֶער פוּן דֶעם סֵפֶר? מַיין גוּף הָאבּ אִיךְ גֶעלֵייגְט אִין דִי זַייט בַּיים שְׁרַייבְּן יֶענֶעם סֵפֶר, אוּן אִין יֶענֶעם סֵפֶר וֶועט קֶען שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חָכָם אִין אַלֶע חָכְמוֹת, נָאר מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ אַלֵיין וֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין יֶענֶעם סֵפֶר!״

דֶערְנָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן צוּגֶעעֶנְדִיגְט אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר, אוּן עֶר הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶעם סֵפֶר, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן רֶבִּינְ׳ס צִימֶער אַזוֹי וִוי דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי אִידְרָא, דֶער פְּלַאץ וואוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען סוֹדוֹת הַתּוֹרָה פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים.

**תקפז**

דֶער ״סֵפֶר הַנִּשְׂרָף״, דֶער סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי וָואס עֶר הָאט שְׁפֶּעטֶער פַארְבְּרֶענְט, הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ פִיר חֲלָקִים.

אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן אוֹיב עֶר גֶעדֶענְקְט עֶפֶּעס פוּן דֶעם סֵפֶר, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קֵיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶעם סֵפֶר (כָאטְשׁ וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז וִוי בַּאקַאנְט גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לַמְדָן אוּן בַּעַל מְקוּבָּל), אָבֶּער אַזוֹיפִיל קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן, אוֹיבּ וָואלְט דֶער סֵפֶר גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן, וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בָּטֵל גֶעוָוארְן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, מֶען וָואלְט גֶעזֶען זַיין גְרוֹיסְקֵייט. נָאר אֵיין זַאךְ גֶעדֶענְק אִיךְ, אַז עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אַסַאךְ סוֹדוֹת אִיבֶּער דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סְפֶּעצִיעֶל אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּטֶע בֶּעט פַאר אַ גַאסְט.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער תִּיקוּן הַכְּלָלִי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס פַארֶעכְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ [דִי קַאפִּיטְלֶעךְ: טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז,

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# מֶעג מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער צוּרִיק צוּ שְׁלָאגְן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה, סְפֶּעצִיעֶל וֶועגְן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַלְס אַ מַאמֶע צוּ מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ הֶעלְפְט מִיר דָאס זֵייעֶר אַסַאךְ אַרוֹיס, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ כַאפּ אִיךְ מֶער אוּן מֶער וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן אוּן הַאנְדְלֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ פֶּעשֶׁער אִינְגְל וָואס הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא״שׁ אַז קִינְדֶער טְשֶׁעפֶּען אִים, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל טֵיילְן פֶּעטְשׁ, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט מֶען אִים אוֹיפְגֶעהֶערְט טְשֶׁעפֶּען, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז וֶוען אַ קִינְד הָאט נִישְׁט קֵיין זֶעלְבְּסְזִיכֶערְקֵייט לָאזְט עֶר זִיךְ טְשֶׁעפֶּען אוּן שְׁלָאגְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט.

אִיךְ בִּין נִישְׁט קְלָאר אִין דֶעם, אִיז דָאס דִי וֶועג בִּכְלָלִיּוּת אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ אִיז דָא אַ מֵיידְל וָואס צִיפְּט כְּסֵדֶר מַיין טָאכְטֶער, זָאל אִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען מַיין מֵיידְל אִיר צוּרִיק צוּ גֶעבְּן אַ צִיפּ? אוֹיבּ אַ צְוֵייטֶע מֵיידְל טַאנְצְט אַרוֹיף אוֹיף אִיר, זָאל זִי אִיר צוּרִיק טוּן דִי זֶעלְבֶּע?

אֵיין טָאג הָאט מַיין אִינְגְל מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט, סְתָּם קִינְדֶערִישׁ גֶערֶעדְט נַארִישׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען צוּרִיק טוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַאר זֵיי, עֶר הָאט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם גֶעדַאנְק, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר אוֹיבּ אִיז טַאקֶע רִיכְטִיג אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער, צוּ נְקָמָה נֶעמֶען אוּן שְׁלָאגְן? עֶס זֶעט מִיר נִישְׁט אוֹיס וִוי דָאס אִיז אַ וֶועג וִוי אַ אִיד מֶעג זִיךְ פִירְן.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וֶועט מִיר גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה אִין דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן נִישְׁט טוּן נְקָמָה, אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט אַ קִינְד מִיט שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן אוּן טְרֶעפְט אַ שְׁוַואכֶע קִינְד אוּן טוּט אִים מַזִיק זַיין - דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין רַאטֶעוֶוען, אוּן עֶס שְׁטֵייט קְלָאר אִין דִי פּוֹסְקִים (חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט סִימָן תכא, סָעִיף י): ״יֵשׁ לוֹ רְשׁוּת לְשֵׁנִי לַחֲבוֹל, כְּדֵי לְהַצִּיל עַצְמוֹ בּוֹ״, מֶען מֶעג יֶענֶעם שֶׁעדִיגְן כְּדֵי זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן.

אַז אֵייעֶר זוּן אָדֶער טָאכְטֶער דֶערְצֵיילְט טָאג נָאךְ טָאג אַז אַ קִינְד טוּט אִים רוֹדְפְ׳ן - דַארְף מֶען דָאס קוֹדֶם פֶעסְטְשְׁטֶעלְן אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין דִמְיוֹן, אוּן אַז מֶען זֶעט אַז דָאס אִיז אֱמֶת - פְּרוּבִּירְט מֶען מִיט גוּטְן, אָדֶער רֶעדְט מֶען צוּ יֶענֶעמְ׳ס עֶלְטֶערְן, אָדֶער אִיז מֶען יֶענֶעם מְשַׁחֵד מִיט נַאשֶׁערַייעֶן, אוּן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט - דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד זָאל יֶענֶעם גֶעבְּן טוֹעֵם זַיין פוּן דִי מַאֲכָלִים וָואס עֶר קָאכְט.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּת יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט אַמָאל אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס אוֹיפְנֶעמֶען דִי מֶענְטְשְׁן, וֶוען אַ פְרוֹי אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן מִיט אַ גֶעוֵויין אַז אִיר מַאן שְׁלָאגְט אִיר אוּן דֶער רֶבִּי גֶערוּפְן דֶעם גַבַּאי ר׳ יוֹסְל אַשְׁכְּנַזִי עֶר זָאל שׁוֹין גֵיין רוּפְן אִיר מַאן. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען הָאט דֶער רֶבִּי גֶענוּמֶען דֶעם שְׁטֶעקְן, עֶר הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן מַכּוֹת אוּן גֶעזָאגְט: ״מִן הַסְתָּם הָאסְטוּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְזוּכְט קְלֶעפּ, ווייל אִיךְ דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן וִוי אַזוֹי דָאס שְׁפִּירְט וֶוען דוּ שְׁלָאגְסְט דַיין וַוייבּ״.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי קִינְדֶער, אַמָאל קֶען זַיין אַז דִי קִינְדֶער וָואס שְׁלָאגְן, צִיפְּן אוּן טְשֶׁעפֶּען הָאבְּן נָאכְנִישְׁט פַארְזוּכְט דֶעם טַעַם, דַארְף מֶען זֵיי דָאס גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן.

לֶערְנְט אוֹיס אֵייעֶרֶע קִינְדֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע, קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַנְדֶערֶע, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט וֵויי גֶעטוּן אָדֶער גֶעטְשֶׁעפֶּעט - טָאר מֶען נִישְׁט מַאכְן קֵיין נְקָמָה, אָבֶּער בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה וֶוען אֵיינֶער שְׁלָאגְט, צִיפְּט - מֶעג מֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר גוּטֶע קִינְדֶער. מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפוּלְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער״; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מַטּוֹת-מַסְעֵי תשפ״ג)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

קן], דָאס הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט פוּנֶעם סֵפֶר הַנִּשְׂרָף.

ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן נַחְמָן זי"ע אַז דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פ"ג, אִיז אַ בְּלֶעטְל פוּן דֶעם סֵפֶר.

ר' שְׁמוּאֵל הוֹרְוִויץ זַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן עֶלְטֶערֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אוּמַאן, אַז אוֹיךְ דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פ"ח, אִיז אַבִּיסְל פוּן דֶעם סֵפֶר הַנִּשְׂרָף.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

# סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון אן אייניקל**
**למזל טוב, א מיידל, ביי זיין זון**

מו"ה **אלחנן חיים רוטה** שליט"א

חתן מו"ה **מרדכי אינדיג** שליט"א

**מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **משה בלוי** הי"ו
**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג**

***

מו"ה **אלימלך שארף** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **הערשי בוים** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יודא אייזנער** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **הערשי שניטצלער** הי"ו
**א טייערער מלמד אין אונזערע הייליגע מוסדות**
**צו די אפשערן פון זיין זון יואל נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **שבתי מזרחי** הי"ו
**צו די אפשערן פון זיין זון משה נ"י למזל טוב**

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר' שבתי, וואס איז אזוי שטארק איבערגעגעבן פאר די הייליגע מוסדות, פאר די שטעטל, און פאר אלע גוטע זאכן וואס פעלט נאר אויס, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן איםביישטיין צו האבן געזונט פרנסה און נחת, ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# היי יעריגער אנשי חיל קאמפיין אויפ'ן וועג

אזוי ווי אין די לעצטע פינף יאר, וועט אויך דאס יאר פארקומען דער יערליכער קאמפיין לטובת די הייליגע מוסדות, ווי אנשי שלומינו וועלן ארויסווייזן זייער הכרת הטוב פאר'ן ראש ישיבה שליט"א וואס געבט זיך אוועק פאר אונז זיינע טעג און נעכט אונז צו דערנענטערן צום אייבערשטן מיט די עצות און הדרכות פון הייליגן רבי'ן, כדי מיר זאלן האבן א געשמאקע לעבן מיט אונזערע משפחות, און כדי מיר זאלן האבן מוסדות ווי מען לערנט מיט די קינדער אויפ'ן הייליגן אויסגעטרעטענעם וועג וואס מיר האבן מקובל פון אונזערע עלטערן און רבי'ס, און נישט פארפאלן ווערן אינעם היינטיגן שווערן דור.

ביים היי יעריגן "אנשי חיל" קאמפיין וועלן אנשי שלומינו נעמען א ציל, און זיך נעמען צו די ארבעט פון רופן די באקאנטע קרובים און שכנים, און זיי אנווארימען צו געבן פאר די הייליגע מוסדות. די עסקנים האבן געבעטן אז מען זאל טון אזוי ווי פאריאר ווען מען האט געבעטן אז מען זאל ענדערש נעמען א קלענערע ציל וואס מען שפירט אז מען קען עס אנקומען, און דערנאך עס איבערגיין, ווי איידער זיך אונטערצונעמען אומרעאליסטישע צילן און עס נישט דערגרייכן. מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועט מען נוצן דאס געלט פאר פילע וויכטיגע צוועקן אזוי ווי מען האט געטון ביז יעצט, ווי בויען שולן, מקוואות, חדרים, שולעס, און אנדערע ציבור'ישע געבורויכן. ברוך השם אז דער ציבור וואקס קע"ה און מען נויטיגט זיך שטארק זיך אויסצובררייטערן ביי פילע זאכן, יעצט וועט מען האבן די געלעגנהייט צו שטיין צו די האנט פונעם ראש ישיבה שליט"א.

צוליב פראקטישע סיבות וועט מען היי יאר נוצן אן אנדערן פלאטפארמע פון ביז יעצט, מען וועט נוצן דעם באקאנטן "דרייוו-אפ" סיסטעם וואס האט זייער גוטע פיטשערס און אפציעס. דער אפיציעלע לינק צום אנשי חיל קאמפיין איז dryveup.com/breslev אויף וועלכע פילע אנשי שלומינו האבן זיך שוין אנגעשלאסן. די וואס ווילן נעמען א ציל זאלן זען צו רופן וואס שנעלער מו"ה אהרן פיש הי"ו אדער הר"ר אהרן וועבערמאן הי"ו.

אין די זעלבע צייט גייט אן ביי די פרויען א גרויסע "נשי חיל" קאמפיין ווי די לעידיס אקזולערי לייגן אריין אסאך שעות און כוחות אויפצוטרייבן נדבות פון אידישע קינדער, וואס ווי די עבר האט געוויזן האבן זיי אריינגעברענגט גרויסע סכומים צום קאמפיין. די פרויען וואס ווילן זיך אנשליסן קענען זיך פארבינדען מיט מרת אפפעל.

ביי די היי יעריגע קאמפיין האט מען צוגעלייגט שיינע מתנות פאר די וואס שאפן גרעסערע סכומים, די וואס וועלן אנקומען צום סכום פון $7,000 וועלן האבן די זכיה און קענען מיטפארן מיט א נסיעה קיין ארץ ישראל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. און די וואס דערגרייכן $2,600 וועלן זיך קענען באטייליגן אין א געשמאקע שבת התוועדות מעין עולם הבא מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

דאס יאר האט מען זיך געמאכט א ציל אז די גאנצע קאמפיין זאל גרייכן א מיליאן דאלער, וואס לויט ווי די קהילה וואקסט קיין עין הרע, און בפרט לויט די ווארימקייט וואס מען זעט און מען האט געזען אין די פארגאנגענע יארן, דארף מען מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף קענען אנקומען צו דעם ציפער.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ערווארט מען אויך היי יאר מען זאל שטארק מצליח זיין מיטן קאמפיין, און אנשי שלומינו וועלן ווידער אמאל געבן די געלעגנהייט פאר כלל ישראל צו נעמען א חלק אין דעם הייליגן אמונה פאבריק "היכל הקודש" וואס באלייכט די גאנצע וועלט מיט אירע הערליכע פעולות פון פארשפרייטן אמונה, חיזוק, פאר יעדן איד.

***

# "א מופת בין איך" - נייע מוזיק אלבום קומט ארויס

אין די טעג ווערט באקאנט איבער א נייע אלבום וואס דער באקאנטער און געשמאקער זינגער ר' חיים מאיר ערפס פראדוצירט מיט'ן מיטארבעט פונעם מייסטער מוזיק אראנדשירער ר' ליפא בראך. דער נאמען פונעם אלבום וועט זיין "א מופת בין איך". די ניגונים זענען ווארעמע און הארציגע ניגונים אויף אידיש, פארפאסט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, וואס יעדע ניגון איז א שיעור פאר זיך, פול מיט חיזוק, אמונה, שמחה, און מעסעדזשעס וואס וועט אונז העלפן יעדן טאג. די ארויסגעבער האבן נישט געשוינט קיין מיה און פלאג אז דער נייער אלבום "א מופת בין איך" זאל ארויסקומען מיט'ן העכסטן מאס פראפעשאנליזם. דער אלבום אנטהאלט צען הערליכע ניגונים, וואס יעדע ניגון האט זיין אייגענע געשמאק און מעסעדזש.

אין די זעלבע צייט וואס ר' חיים מאיר איז פארנומען מיט'ן ארויסגעבן זיין אייגענעם אלבום, האט ער אלעס געלייגט אין די זייט, זאגענדיג אז העלפן דעם ראש ישיבה קומט פאר אלעס.

די צוהערער וועלן נתעורר ווערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, ווי ער זינגט פון זיין ריינע הארץ, און ווי שוין ברייט באקאנט, יעדער וואס הערט נאר דעם ראש ישיבה שליט"א זינגען דערמאנט זיך פונעם אויבערשטן, און עס ברענגט אים הרהורי תשובה. ביים הערן דעם אלבום וועט מען פארכאפט ווערן פון די הערליכע הארציגע ניגונים, וואס באשטייט פון נייע און אלטע הערליכע ניגונים, דער נייער אלבום ברענגט ארויף די ברסלב'ע ניגונים אויף א פרישע שטאפל ווי קיינמאל בעפאר. ווי מען הערט פון די ארויסגעבער שטעלט זיך ארויס אז אן אלבום מיט אזא תוכן, פראפעשינאלקייט, און מעסעדזש איז נאך נישט געווען אויף די אידישע מארק.

אין די יעצטיגע טעג האלט מען שוין ב"ה ביי די לעצטע שטאפלען פון מיקסן, און מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועט עס שוין זיין אויפ'ן גאס דעם קומענדיגן מוצאי שבת נחמו הבעל"ט. דער נייער סידי וועט זיכער האבן א געוואלדיגע פאזיטיווע השפעה אויף די צוהערער, און וועט ברענגען פילע אידן נענטער צום אייבערשטן.

## אוהב שלום ורודף שלום

**אין די טעג פון די יארצייט פון אהרן הכהן, לאמיר נאכגיין זיינע הייליגע וועגן, אוהב שלום ורודף שלום, ווי אזוי באווייזט מען דאס?**

# קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 2, 57**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**